בס"ד

# והוא מחולל מפשעינו

## ווי קענען מיר זיך נישט וויסנדיג מאכן

## פון די הימ'ל שרייענדע צער פון צדיק הדור

**שוין 9 חדשים וואס הרה"צ ר יעקב מאיר שעכטער איז אפגעהאקט פון זיין באליבטע קהילה!!!**

**שוין 9 חדשים וואס די קהילה וואס דער צדיק האט אויפגעשטעלט איז אין סכנה פון אינטערגיין!!!**

**שוין 9 חדשים וואס מען לאזט נישט צו זיינע נאנטסטע מענטשן פון די לעצטע 20 יאר צו אים!!!**

**שוין 9 חדשים וואס ער קען נישט לערנען מיט זיינע חברותות קביעים פון די לעצטע 20 יאר!!!**

**שוין 9 חדשים וואס מען איז אים מצער מיט ליגענטס אז זיינע נאנטע מענטשן האבן מורד געווען אין אים!!!**

**שוין 9 חדשים וואס יעדער וואס פרובירט נאר צו העלפן דעם צדיק ווערט טעראזירט!!!**

ווי עס איז באקאנט האט הרה"צ ר' יעקב מאיר שעכטער די לעצטע 20 יארן אריינגעלייגט זיין גאנצע כח אין אויפשטעלן זיין קהילה, און ב"ה ער האט מצליח געווען צו אויפשטעלן א קהילה לשם ולתפארת מיט כוללים, ישיבה, חבורות, בתי מדרשים און נאך, די קהילה ציילט זיך היינט ביי ארום טויזענט משפחות, וואס לעבן פון זיין חיזוק והדרכה, און אזוי אויך ביי הרה"צ ר' יעקב מאיר שעכטער איז עס ווי לופט צו אטעמען, וואס ווי באקאנט איז זיין גאנצע לעבן צו משפיע זיין פאר אידן תורה ויראת שמים.

און פאר ניין חדשים צוריק זענען אויפגעשטאנען מענטשן מיט פריוואטע אינטערעסן, און אים אפגעהאקט פון זיין קהילה, און מיט ליגנטס און בילבולים אים דערווייטערט פון זיינע נאנטסטע מענטשען, און עס גייט זיי נישט אן אז זיין לעגעסי פאלט צוזאם, און זיי פארקויפן נאך ווי זיי טוען עס אין די נאמען פון גערעכטיגקייט, ווי א נבל ברשות התורה. און נישט דא ווער עס זאל זיך אננעמען פאר די פארלוירענע קהילה.

בעווה"ר קענען מיר זיך נישט אינגאנצן ריינוואשן, ווען אונז האבן געזעהן די צער פון די צדיק וואלטן אונז תיכף ומיד געדארפט איבערדרייען די וועלט אים צו העלפן. און נישט מאכן קיין חשבונות אז זיכער וועלן

זיי זיך בארעכענען ווען זיי וועלן זען די חורבן, און חרטה האבן, נאר מיר וואלטן תיכף געדארפט מרעיש עולמות זיין, און זיכער מאכן צו בארואיגן די צדיק אז זיין קהילה וויל אים יא און וויל מקבל זיין פון אים און אז זיינע נאנסטע האבן אים נישט פארלאזט אויף די עלטער. ווען זיי האבן אויסגענוצט אונזער שטילקייט צו ווייזן כאילו עס גייט אונז נישט אן.

אבער די ערגסטע איז נאך ווען אושפיזין דמשה האבן אינגעלייט פון די קהילה פון הרה"צ ר' יעקב מאיר שליט"א געהערט אז ער גייט אנקומען אין די לעגענדארע שול אין מאה שערים, האבן זיי אים אפגעווארט מיט ווארעמע ניגונים כבשנים קדמוניות און געהאפט אז ער וועט זיך אביסל בארואיגן ווען ער וועהט זעהן אז זיין קהילה וויל יא האבן שייכות מיט אים (ווי מען האט טאקע געזעהן ווי בשעת ער האט געהערט ווי מען זינגט האט ער געפענט די פענסטער, און זיך מיטגעשאקלט און שטארק הנאה געהאט) און אנשטאט צו זיך פרייען אז מען קען אים אזוי אויפלעבן, האבן זיי געשיקט זייערע גודינגענע בריונים צו טיילן קלעפ, און ווי ווייטאגליך איז געווען צו זען איידעלע אינגערלייט ווילן זען און זיין נאנט צו זייער רבין און זיי כאפן קלעפ פאר דעם....

און אויב איז דאס נישט גענוג געווען זענען זיי אראפ נאך א דרגה און די נעקסטע טאג אריין געגעבן א מסירה קעגן איינער פון די נאנסטע מענטשן צו הרה"צ ר' יעקב מאיר שליט"א וואס האט זיך אלע יארן מיט מסירת נפש איבערגעגעבן פאר אים, און נאך וואס מען האט אים ארעסטירט און יום טוב און מען האט אויפגעוויזן אז נישט נאר וואס ער האט נישט געשלאגן נאר אדרבה מען האט אים געשטיפט און געשלאגן, האבן זיי משחד געווען די פאליציי מען זאל אים האלטן נאך א טאג אין תפיסה מיט די אויסרייד "אז מען דארף נאך ברענגען נאך באווייזן" און אזוי האבן זיי גענומען א חשובע אינגערמאן א טאטע פון א שטוב מיט קינדער און מיט מסירה אים אריינגעלייגט און תפיסה יו"ט, פאר די חוצפה פון זיין איבערגעגעבן פאר הרה"צ ר' יעקב מאיר שליט"א די לעצטע 15 יאר.

**ולמכבדי התורה אנו אומרים :**

# כי אם החרש תחרישי לעת כזאת רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר !